# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Danil Finklkroyt – A Yidisher Aktyor (Daniel Finkelkroit – A Jewish Actor)

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/89n5x94b

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 93(1)

### Author
Fishbin (Fishbein), Kuba (Cuba)

### Publication Date
1979

### Copyright Information
Copyright 1979 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

קובאַ פּישבין / פּאַריז

# דניאל פינקלקרויט — אַ יידישער אַקטיאָר

(אַלבאָם, צונויפגעשטעלט פון רחל בוימוואָל)

מיט אַ געפיל פון טרויער און ווייטיק בלעטערט מען דעם אַלבאָם געווידמעט איינעם פון די פילאַרן פון דעם געוועזענעם מאָסקווער יידישן טעאַטער — דניאל פינקלקרויט. אַרויסגעגעבן אין ישראל, איז דער אַלבאָם צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך דער באַקאַנטער יידישער דיכטערין פון רוסלאַנד — רחל בוימוואָל — וואָס זינט עטלעכע יאָר איז זי שעפעריש און געזעלשאַפטלעך אַקטיוו אין ירושלים.

פאַרן ביז גאָר עסטעטישן אויסזען פון דער אויסגאַבע האָבן געזאָרגט די קינסטלערס, עולים פון רוסלאַנד, יואל שוועלאָוו און צפניה קיפּניס. דער לעצטער האָט זיך אַ שם געמאַכט מיט זיינע קינסטלערישע ווערק אויף שלום עליכמס טעמעס, געשאַפן נאָך דאָרט אין זיין גלות־היים.

דניאל פינקלקרויט געהערט צו די דאָזיקע זעלטענע יידיש־שעפערישע מענטשן וואָס האָבן זיך אַדורכגעגליטשט דורך די נעצן פונעם סאָוועטישן מלאך־המות — בשעת דער ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור אין רוסלאַנד. זאָל דער סאָוועטישער תליון האָבן געאַרבעט מיט אַ קלענערער סיסטעמאַטישקייט ווי דער נאַצישער, אָדער, זאָל דאָ האָבן געשטעקט אַ פינצטערע אויסרעכענונג פון סטאַלינען; דער אמת איז, אַז דורך די טויט־נעצן האָט זיך אַדורכגעגליטשט אַ געוויסע צאָל שעפערישע מענטשן פון דער יידישער קולטור־סביבה. אויב דער מלאך המות האָט על פי צופאַל זיי געשענקט דאָס לעבן, האָט זיי אָבער נישט געשאַנעוועט דער אַנגסט פאַרן מינדסטן שאָרך אין גאַס, די שרעק פאַרן קלענסטן קלאַפּ אין זייער טיר. ווי דאַמאָקלעס שווערד איז איבער זייערע קעפּ געהאָנגען דער כסדרדיקער פחד צו ווערן פיזיש ליקווידירט. דער דאָזיקער סם פון אַנגסט האָט פּאַוואָליע צעפרעסן זייער אָרגאַניזם, צעבראָכן זייער גייסט.

דניאל פינקלקרויט איז פון שרעק נישט צעבראָכן געוואָרן. פאַרקערט, ער האָט נאָך אַנדערע געטרייסט: „לאָזט נישט אַראָפּ די נעז, קינדערלעך — פלעגט ער זאָגן — איר וועט זען אַז אַלץ וועט נאָך גוט זיין, אַרוח אין זייער טאַטנס טאַטן אַריין!“ רחל באַמערקט: „ווער זענען די „זיי“ האָבן מיר אויסגעצייכנט געוווּסט.“ אים האָט צובראָכן די טראַגעדיע פון דער יידישער קולטור אין רוסלאַנד. דרייסיק יאָר איז דער מאָסקווער יידישער טעאַטער געווען זיין נשמה און דער אינהאַלט פון זיין לעבן; און ווען די יידישע בינע איז צעבראָכן געוואָרן איז פאַר אים געשטאַנען אַ פינצטערע ליידיקייט. דער דינאַמישער בינע־קינסטלער, פינקלקרויט, איז געבליבן הענגען ווי אין דער לופטן. פאַר־

---

ווען מען האָט טעלעגראַפיש אַרויסגערופן, און דעם אָרון מיטן בינטל טרוקענע ביינער פון א. ראַבאָי, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן דירעקט פון סאַניטאַריום צום „יוניאָן סטיישאַן“ — די באַן־סטאַנציע פון יענער צייט. ס'געוועזן אַזאַ מין „אימפּראָוויזירטע“ לוויה. די גאַנצע שרייבער־משפחה פון לאָס אַנדזשעלעס: ה. ראָיזנבלאַט, כאַווער־פּאַווער, ברוינשטיין, מאַטעס דייטש. עס זיינען דעמאָלט געווען אַ סך יידישע שרייבערס אין שטאָט. די „לינקע“ זיינען געקומען מיט גרויס רעש געזעגענען זייער באַליבטן שרייבער. וואָרעם כאָטש ער איז געווען אַזאַ לאַנגע צייט קראַנק, איז זיין טויט געווען פאַר אַלעמען אַ פּלוצלינגדיקער, אַן אומגעריכטער, גלייך ער וואָלט אַוועקגעפאַלן אין מיטן גאַס.

* * * * *

וועגן זיך אַליין? מיינע אייגענע איבערגעלעבטע טויטן, יאָ, טויט ברבים. ווער קאָן דאָס דערציילן בפרהסיה? און זעט נאָר — זר מוזר — ווי מאָדנע דאָס זאָל ביט זיין: עס גלוסט זיך נאָך שרייבן. רבונו של עולם! לעב איך צי בין איך געשטאָרבן?

בלייבן אַן שעפּערישע קולטור־פּערספּעק־
טיוון, זיצן מיט פאַרלייגטע הענט — דאָס
איז פאַר אים געווען איבער די כוחות.
שרייבט טאַקע רחל בוימוואַל, אַז „דער
דאָזיקער לעבעדיקער, ענערגישער און
אומבויגזאַמער מענטש האָט זיך צוזאַמענ־
געבראָכן.״ זיינע מאָראַלישע יסורים
האָבן געבראַכט די פיזישע ליידן. דער
איינציקער ליכט־שטראַל אין זיין געמאַ־
טערטן לעבן איז איצט אים געבליבן די
האָפענונג צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און עולה
צו זיין מיט זיין משפחה קיין ישראל. נאָך
לאַנגע אַמפּערנישן מיט דער סאָוועטישער
מאַכט איז דניאל פינקלקרויט ענדלעך
אָנגעקומען קיין ירושלים. אָבער אין וואָס
פאַר אַ שרעקלעכן מצב; אַ צעבראָכענער,
אַ קראַנקער איז ער גלייך אַריין אין אַ
שפּיטאָל. „אַ שאָד וואָס איך האָב נישט
געהאַט די מעגלעכקייט צו זען ירושלים
— האָט אויף זיין שפּיטאָל־בעט פינקל־
קרויט באַדויערט — כאָטש אַ שמעק טאָן
דעם דרויסן...״ פינקלקרויטן איז נישט
באַשערט געווען דער טעם פון דער פריי־
שער, פרייער ירושלימער לופט. ער איז
אויסגעגאַנגען אין שפּיטאָל, די איינציקע
קליטה זיינע נעבעך אין ישראל.

מיט דניאל פינקלקרויטס פטירה האָט
זיך פאַרלאָשן אַ שטערן פונעם גלאַנצפולן
יידישן טעאַטער אין מאָסקווע. געווען איז
פינקלקרויט אַ בינע־קינסטלער בחסד
עליון. אויף אַ צונויפטרעף פון אַקטיאָרן
האָט וועגן אים מיכאָעלס אַזוי געזאָגט:
„וועגן פינקלקרויטן דעם אַקטיאָר בעט
זיך איבערפראַזירן די ווערטער פון תהי־
לים: „כל עצמותי תאמרנה״ — אַלע זיינע
ביינער זינגען. „איז וועלכע זענען דאָס
געווען די מעלות פון דניאל פינקלקרויטס
אַקטיאָרישע פעיקייטן? שרייבט וועגן אים
אַזוי דער געוו. מיטגליד פון דער מיכאָ־
עלס טרופע, דער פאַריזער שרייבער און
טעאַטער־מענטש, יוסף שיין: „ער (פינקל־
קרויט) האָט גוט באַהערשט די קונסט פון
איבערשטאַלטונג און אי דעריבער אין יעדן
פערסאָנאַזש אַ נייע אַנטפּלעקונג פאַרן
צושויער; ער געפינט נייע סצענישע מיט־
לען און פאַרב פון זיין אַלזייטיקן שוי־
שפּילערישן טאַלאַנט. „פינקלקרויט איז
געווען אַן אָריגינעלער טעאַטער־מענטש
מיט ׳זיין אייגענעם כתב׳ — ווי ס׳דריקט
זיך אויס זיין טעאַטער־קאָלעגע צבי
לעווינסאָן.

געהערט האָט פינקלקרויט צו די קינסט־
לערס וואָס ווייסן נישט פון קליינע אָדער
גרויסע ראָלן. ביי אים האָט זיך די ראָלע
פון אַ פּיעסע נישט געמאָסטן מיט דער
צייט פונעם געזאָגטן טעקסט, נייערט מיט
דער צאָל פון לעבעדיקן בלוט, וואָס ער
פלעגט אין איר אַריינגיסן. וועגן זיין קרע־
אַציע פון אשר שדכן אין שלום עליכמס
„לופט־מענטשן״, געשטעלט דורך גראַ־
נאָווסקי, שרייבט אין יאָר 1935 — פּרץ
מאַרקיש: „אָט האָט ער כמעט פון עטלעכע
פראַזן אין „לופט־מענטש״, אויסגעקנעטן
ר׳ אשרן. און די גאַנצע קליינינקע סצענע,
וואָס ער פירט דורך, שניידט זיך איין
אינעם ספּעקטאַקל ווי אַ פּרעכטיק אויס־
געפורעמטע סקולפּטאָרישע דעטאַל.״ צבי
לעווינזאָן, ווידער, דערמאָנט, אַז „דניאל
פינקלקרויט פלעגט ליב האָבן איבערצו־
חזרן די ווערטער פונעם גרויסן רוסישן
בינע־רעפאָרמאַטאָר סטאַניסלאַווסקי: „ס׳־
זענען נישט פאַראַן קיין קליינע ראָלן, עס
זענען פאַראַן קליינע אַקטיאָרן.״ און ווײ־
טער שרייבט לעווינזאָן: „ער איז געווען
אַ יווועליר, ער פלעגט שלייפן זיין ראָל
ביז וואַנען זי פלעגט נעמען פינקלען מיט
אַלע אירע צויבער־שטראַלן.״

אינטערעסאַנט, אויב אַזוי, איז צו הערן
אַ מיינונג פון אַ סקולפּטאָר. דער פאַריזער
יידישער סקולפּטאָר, מיכאל מילבערגער,
וואָס האָט פינקלקרויטן געקענט אין לעבן
און אים געזען שפּילן טעאַטער, דערציילט
מיר, אַז בלויז אַ באַוועגונג מיט דער האַנט
פון פינקלקרויטן אויף דער בינע, זיינס
אַ קער מיטן קאָפּ, דער מינדסטער ריר
זיינען האָט פאַרמאָגט פערסאָנאַליטעט פון
אַ מייסטער; אַ מייסטער, וואָס איז נישט
בלויז אַקטיאָר, אויך אַ מענטש מיט אַ
ברייטער קולטור, אַ פאַרטיפטע פילבאַר־
קייט. איידער פינקלקרויט האָט נאָך אויס־
מאָדולירט דאָס וואָרט פונעם טעקסט
האָבן שוין זיינע אברים געשטאַלטיקט
דעם פערסאָנאַזש פון דער פּיעסע. זיינע
קרעאַציעס, אין דער פּלאַסטיש־קינסטלע־
רישע קאָנצעפּציע זייערע, האָט מילבער־
גערן דעם סקולפּטאָר שטאַרק באַאיינ־
דרוקט. פינקלקרויטס געשטאַלטן שטיי־
ען אים נאָך היינט פאַר די אויגן.

פינקלקרויט האָט פיינט געהאַט אויף דער בינע דעם סטיל „בעל־מלאכה״, ד.ה. אַן אַקטיאָר וואָס מאַלט אָפּ זיין טעקסט אָן געשמאַק און אָן קולטור; אָן אָנצוזאָפּן מיט לעבן דעם געשפּילטן פּערסאָנאַזש. פינקלקרויט האָט פאַרמאָגט אפילו שווונג און פאַנטאַזיע כדי צו פאַרפולקאָמען אַ געשטאַלט, וואָס דער מחבר האָט על פּי צופאַל פאַרזען. לעווינזאָן דערציילט אַזאַ פאַל: „איך געדענק די רעפּעטיציעס פון מאַרקישעס 'משפחה אָוואַדיס' אין וועלכע פינקלקרויט האָט געשפּילט דעם זיידן דאָס איז פאַקטיש געווען אַ קליינע, עפּי־זאָדישע ראָלע. נאָר פון טאָג צו טאָג פלעגט דער אַקטיאָר ברענגען נייעס; ברענגען ווונדערלעכע איינפאַלן, ביז וואַנען דער רעזשיסאָר, שלמה מיכאָעלס, האָט צוזאַמען מיטן אויטאָר אים פאַרגרעסערט די ראָל. און צום סוף האָט זיך באַקומען, אַז דאָס איז געוואָרן איינע פון די הויפּט־ראָלן אין דער פּיעסע.״ מילא, דער מחבר פון דער פּיעסע, פּרץ מאַרקיש, ער איז געווען פאַרכאַפּט פון דער פאַרשטעלונג. אַן אַנטציקטער האָט ער געשריבן צום סאָוועטיש־יידישן פּראָזאַיקער, ירמיה דרוקער: „האָט עס פינקלקרויט אַוועקגעלייגט אַ זיידן, איז אַזאַ יאָר אויף מיר און אויף אונדז אַלעמען. ער איז אַ וווּנדערלעכער שפּילער, אָט דער פינקלקרויט! ער איז ווערט מען זאָל וועגן אים שרייבן און שרייבן.״

איז צו פינקלקרויטס געבוירנטאָג שרייבט דרוקער פאָלגנדע שורות: „דניאל פינקלקרויט האָט נישט געוווּסט פון קיין אַמפּלוא־באַגרענעצקייטן. ער האָט געשאַפן אַ ריי קאָמעדישע, דראַמאַטישע, פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע געשטאַלטן. ער האָט מייסטעריש געקענט אָנווענדן דעם מידת־הדין און דעם מידת־הרחמים, די לירישע גוטמוטיקייט און די סאַטירישע בייסיקייט. אין יעדן באַזונדערן זשאַנר איז ער געווען געצוימט, געשליפן און עמאָציאָנעל אויפברויזנדיק.״

די דאַזיקע וואלארן פון זיין בינע־קונסט האָבן אים אַרויסגערוקט אין אויבנאָן פונעם טעאַטער; זיי האָבן אים פאַרוואַנדלט אין איינעם פון די זיילן פון דער מאָסקווער בינע און אים געמאַכט באַליבט ביים יידישן פּובליקום אין רוסלאַנד. אַ דאַנק די בילדער פון אַלבאָם, ווי אויך אַ דאַנק די גביעת־עדות פון שרייבער און אַקטיאָרן אין רוסלאַנד, באַקומען מיר אַ באַגריף פון פינקלקרויטס אַקטיאָרישע פעאיקייטן.

פינקלקרויט, דער וואָס האָט אויף דער בינע אויסגעפורעמט אַזוי פיל לעבנס פון קעגנזעצלעכע פערסאָנאַזשן, איז אין זיין פּריוואַטער טאָג־טעגלעכקייט געווען אַ באַשיידענער, האַרציקער מענטש — אַ לירישע נשמה. מיט אַ צאַרטער פּען און אין רירנדע ווערטער צייכנט רחל בוימוואָל דעם פּריוואַטן פּראָפיל פון פינקלקרויטן, דעם גוטהאַרציקן משפחה־מענטש, דער וואָס איז איר „געווען אַ טאַטע״. ווען די דיכטערין איז נאָך אַ קליין קינד געווען, איז איר אמתער פאָטער, דער באַקאַנטער טעאַטער־רעזשיסאָר, יהודה לייב בוימוואָל, דערמאָרדעט געוואָרן דורך אַ באַנדע פּאָליאַקן אויף אַ באַן־סטאַנציע אין אוקראַינע, בשעת זיין טעאַטער־טרופּע איז געפאָרן אויף גאַסטראָלן. זייט דער דאָזיקער שוידערלעכער רציחה האָט פינקלקרויט גענומען זאָרגן פאַר דער קליינער יתומה. ער האָט זי אַרומגענומען מיט אַ שוץ־וואַנט פון איבערגעגעבענער וואַרעמקייט, זי אויסהיטן פון די בייסיקע ווינטן פונעם ברוטאַלן דרויסן. און ווי אַ טאַטע איר געווען ביז צו זיין לעצטן וועג צום קבר ישראל אין ירושלים.

רחל בוימוואָלס אויסגאַבע, געווידמעט דניאל פינקלקרויטס זיכרון, איז דאָס „טיף פאַרנייגן זיך פאַר דער ווונדערלעכער שיינקייט פון זיין נשמה.״ און איינוועגס איז עס אַ ווירדיקע מצבה נאָך אַ פאַרדינסטפולן יידישן בינע־קינסטלער. אויך די מחברים פון דער הילע האָבן זיך איינספּירירט פון דעם מצבה־גייסט און זי איינגעהילט אין אַ וויאָלעטע טרויער־פאַרב. דער וויאָלעט פונעם שער־בלאַט רעמט איין אַ ברייטן פלאַך טיף־גרוי, ווי דער מירמלשטיין פון אַ מצבה. אויפן גאַנצן לענג פונעם טונקעלן, לאָמיר זאָגן, מצבה־באַנד ,שורות עטוואָס העלערע — „דניאל פינקלקרויט״. אַ ליכט־שטראַל, אַראָפּ ווי פון הימל, שפּאַצירט אין דער קווער פון די שורות און שאַפט אַ וויזועל

בילד פון די באַלויכטענע אותיות. שנעל דערגייט דאָס ליכט־קרעשענדאָ צום הויכ־פונקט און באַהעלט דאָס וואָרט „פינקל־קרויט" מיט אַ שאַרף־געדיכטער ווייסער קאָליר. דאָס ליכט נעמט צאַנקען און וואַרפט די אותיות אין אַ גראָער טונקל־קייט. די ליכט מאָדולאַציע פאַרמאָגט, לפי דעתי, אַן אינטערעסאַנטע באַדייטונג. מעגלעך אַז זי וויל אָנדייטן דעם שנעלן אויפשטייג פונעם אַקטיאָרס שטערן, וואָס האָט אַזוי העל געלויכטן אין משך פון דרייסיק יאָר צייט און פלוצעם אויסגע־צאַנקט אין זיין פולן גלאַנץ. אויך איז די ליכט־מאָדולאַציע ווי אַ שאַרפער ווייגעשריי, וואָס גייט אויס אין אַ ספּאָנ־מאַטיש־צאַנקענדיק געוויין.

רחל בוימוואָלן קומט אַ יישר־כוח פאַר באַקענען אונדז מיט איינעם פון די וויכ־טיקסטע מיטבויער פונעם מאָסקווער יידישן טעאַטער, אַ קאַפּיטל יידישע קול־טור, פאַרניכטעט אויף אייביק. און ווייל די צייט איז אַ רוצח אויף אונדזער זיכרון און אונדזערע געפילן, קומט איר אויך דער געזעלשאַפטלער יישר־כוח פאַרן דערמאָנען דאָס — וואָס טאָר קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווערן — אונדזער אומגע־בראַכטע קולטור אין רוסלאַנד!


# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין
# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַ־טערנאַלע און סאָציאַל - פּראָגרע־סיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון זיינע צווייגן פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערער אינפאָרמאַציע שרייבט צו:

**THE WORKMEN'S CIRCLE**

1619 So. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

אָדער טעלעפאָנירט: (213) 552-2007